בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
**קמ"ג**

יו"ל: כ"ז תמוז ה'תשפ"ד לפ"ק

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור

**פארקויפט די שטיינער**

**געזומען דעם רבי'ן פאר א שותף**

**מקדים געווען רפואה למכה**

**געגעבן די חברה אויף יום-טוב**

**מען דארף אויך מקיים זיין...**

**עפענען א טירל**

**דער ספעציעלער גארטל**

**אוועקשטעלן דעם פונדאמענט**

**ווען מען זאל נישט קריגן אויפן רבי'ן...**

**נישט ווערן אוועקגעשלעפט**

**דערהערן!**

**נאר מיט אמונה!**

**איך ווייס ווער איר זענט...**

**גיב מיר אמונה!**

**פאל נישט אראפ!**

**אראפנעמען דעם שוים**

הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:

**יוסף מענדל האָס**

מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443**

**(ארה"ק: 072-257-3456)**

©

כל הזכויות שמורות

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (MP3) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:

**Rlyb148@Gmail.Com**

כדי ליטול חלק בהוצאות העתקת הטייפס ולהדפיסם, וכמו כן כדי לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $30 יש להתקשר:

**(+1) 845-323-9216**

ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:

**בקו 'מערכת ברסלב'**

**ארה"ק:** 02.560.7387

**ארה"ב:** 646.585.2985

**ענגלאנד:** 0330.390.0487

**בעלגיע:** 03.808.1775

לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:

**#2.1.2.1.1 ואח"כ #143**

בס"ד

# פרשת שמיני (ח"א)

**שנת תשל"ו**

(טייפ מס' 157#)

## פארקויפט די שטיינער

(ביי די וועלט) - גשמיות איז גשמיות; ביי אונז - גשמיות איז אויך רוחניות! אז ער האט א שטוב, עסן, טרינקען - אויף יעדער זאך דארף מען זיך מיישב זיין פארן אויבערשטן, דערציילן דעם אויבערשטן - 'איך וויל אזוי טוהן, איך טראכט אזוי צו טוהן!'.

כאטש מיר האבן נישט קיין רוח הקודש מען זאל אונז מודיע זיין מן השמים, פונדעסטוועגן, אז מען רעדט צום אויבערשטן גייט אריין עפעס א נקודה פון אמת אין מיר - צו זאל איך יא טוהן, צו זאל איך נישט טוהן, ווייל איך האב א שייכות מיטן אויבערשטן - און דער אויבערשטער איז דאך דער מקור האמת.

אז דער בעל דבר זעהט אמאל איינעם וואס ער האט נישט אזוי קיין צוטריט צו אים, ער גייט טאקע נישט אין די גדולות'ן דארטן אין די עולמות, אבער ער פירט זיך אזוי אז ער האט נישט קיין צוטריט צו אים - ער דאוונט, ער לערנט, (קען ער אים צושיקן אזא נסיון) - אז דער בעסטער גוטער פריינד זיינער וואס איז אים אזוי געטריי, וואס הייסט, ער האט דאך א קוק אויף שפעטער (אויף מיר) - ער איז מיר מציע אזא גוט געשעפט - און דער (- הבע"ד) מיינט אים גאר אריינצוכאפן דערמיט אין זיין נעץ.

די זאכן דארפן האבן א גרויסן ישוב הדעת, רעדן צום אויבערשטן - 'זאל איך עס טוהן - צו נישט'.

בפרט, ברוך השם, נאך די חתונה, גאנץ פיין, גאנץ וואויל, אבער מאכן דעם גאנצן רעש (- השקעה כזה) - דארף מען האבן א גרויסן סוחר, א גרויסן דרייער. ער אליין איז

דאך נישט אזא 'בר הכי' - וועסטו זיין טאקע דער דרייער?!... פארוואס דארפסטו זיך פארדרייען א קאפ?! דו ביסט נישט דער בר הכי צו מאכן די סארט געדרייען און געשעפטן...

דאס האבן מיר שוין געזעהן אסאך מאל, א מענטש מאכט פלענער און פלענער, און דערנאך דרייט זיך אויס גאר - ווייס איך וואס - נישט וואס איך האב געמיינט דאס פירט זיך אויס, נאר גאר פארקערט.

דער רבי האט נישט געהאלטן פון בויען הייזער! [אונזערע לייט זאגן אז דא אין ארץ ישראל מעג מען יא!].

דער רבי האט נישט געהאלטן פון בויען בנינים![א]

די גמרא זאגט[ב]: "כל העוסק בבנין מתמסכן!". מען קויפט א גרייטע דירה, אבער בויען - דאס האט דער רבי נישט געהאלטן[ג].

(השואל: אין ארץ ישראל אויך נישט?) אה, אין דעם איז דא דיעות אז אין ארץ ישראל 'משום ישוב ארץ ישראל' - יא, וויים איך נישט, מיר זענען דאך געווען אין חוץ לארץ.

באברייניץ איז געווען א שטאט דארטן פון אונזערע לייט, ר' מרדכי באבריניצער, און די אלע גרויסע חסידים אונזערע. איז געווען דארט א איד, האט ער געהייסן "ישראל באבריניצער" - ר' מרדכי באבריניצער'ס א זון. זיי האבן געהאט א פאבריק פון זייף, און א פאבריק פון לעכט.

זיי האבן געוואוינט אין א פראסט שטיבעלע. דער זון איז שוין געווען אביסל מאדערנער, האט ער געוואלט זיך בויען א שיינע שטוב, זיי האבן דאך פרנסה; אז מ'קומט אריין - און ער וואוינט אזוי בדחקות אין א קליין שטיבעלע? - זאל ער האבן א שענערע שטוב. נו, האט ער צוגעגרייט שטיינער און (מאטריאל) צו בויען א שיינע שטוב.

---

[א] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' רס"ו; שיחות הר"ן אות ס'.

[ב] סוטה יא.

[ג] עיין שיש"ק (חדש) ח"ג, אות ס"ג.

רבי אברהם ר' נחמן'ס איז אנגעקומען דארטן. ער פלעגט זיין דארטן אלע יאר, ער האט געהאט דארטן א שוועסטער אין באברייניץ, איז ער געווען א בן בית אסאך ביי דעם ר' מרדכי באברייניצער אין שטוב.

זעהט ער עם ליגט עפעס שטיינער אינדרויסן. זאגט ער: "וואס איז דאס די שטיינער?" זאגט אים ר' מרדכי - דער פאטער: "מיין ישראל וויל בויען א הויז!" רופט זיך אָן רבי אברהם ר' נחמן'ס: **"איין ר' אברהם בער'ניו** (בן אדל בת רביז"ל) **האט געפאלגט דעם טאטן און ער האט נישט געבויעט!"** מער האט ער נישט געזאגט.

רבי אברהם ר' נחמן'ס האט געגעבן א שיס אריין אווארט, און שוין, ער האט שוין פארקויפט די שטיינער, אויס, ער האט שוין נישט געבויעט...

ער האט נאר געזאגט די ווערטער: "איין ר' אברהם בער'ניו האט געפאלגט דעם טאטן און ער האט נישט געבויעט!".

(השואל: דעם טאטן - ר' נחמן?) יא יא, ר' נחמן טולטשינער.

(השואל: ר' נחמן האט אים געהייסן - הייסט עס?) ר' אברהם בער'ניו האט געוואלט בויען, ער איז געווען א גרויסער עושר.

❖

## גענומען דעם רבי'ן פאר א שותף

דער ר' מרדכי באברייניצער איז געווען א ידוע'דיגער חסיד ביי אונז. אז מיר האבן שוין אנגעהויבן צו רעדן פון דעם ר' מרדכי באברייניצער, קען מען שוין אביסל רעדן פון דעם אידן וואספארא איד ער איז געווען, און דער ישראל (- בנו).

(השואל: ווען איז ר' מרדכי אוועק?) תרצ"ו. ער איז נפטר געווארן נעבעך דורך א עלעקטער, ער מיט א בחור צוזאמען[ד].

---

[ד] הב' יעקב בן ר' יצחק מבאברייניץ.

ער איז געווען אמאל ביים רבי'ן אויפן ציון ערב ראש השנה, האט ער געזאגט דעם רבי'ן אויפן ציון: "רבי, מיר נעמען אייך צו פאר א שותף צו אונזער געשעפט, וואס מיר וועלן האבן רווחים - איז פאר זיך האלב, און אייך אוועקגעבן האלב" - אייערע מענטשן, און אויף דער שול!

אז ער איז געקומען אהיים, האט דער אויבערשטער געהאלפן, עס איז געווארן אזא מין שפע - אז עס איז געווען חוץ לדרך הטבע, מען האט אזוי פיל פארקויפט, מען האט נישט געקענט אניאָגן מיט דער ארבעט, מען האט אויסגעארבעט די זייף - און מען האט עס ממש צעכאפט, עס איז א שפע געגאנגען.

אז ער איז געווארן דעם רבי'נס א שותף איז געגאנגען שפע אז ס'איז נישט שייך...[ה]

די אנדערע סוחרים פון זייף האבן גארנישט געלייזט, און ער - ווי נאר די קעסל זייף איז ארויס, האבן עס די סוחרים שוין צעכאפט.

נו, איז דאך געווען דארט אסאך געלט, און דעמאלט איז שוין געווען די קאמוניסטן, און דא דארף ער אזוי פיל געלט אוועקגעבן, ווי קען ער אריבערפירן דאס געלט קיין אומאן צו טיילן פאר די ארעמעלייט? האט ער געגעבן דארטן א טעלעגראם צו מיר - איך זאל קומען. ער איז געווען מיין אורח אין אומאן.

בין איך געקומען צופארן קיין באבריניץ. האבן זיי מיר דערציילט די גאנצע מעשה, אז זיי האבן אזוי פיל געלט אויף צדקה - 'דאס איז דעם רבי'נס האלב!' - און זיי קענען דאס נישט אריבערפירן, זיי מוזן נעמען א מענטש וואס זאל קומען און איבערפירן דאס געלט קיין אומאן - די האלב וואס מען דארף צעטיילן פאר צדקה, דאס הייסט - דעם רבי'נס האלב.

---

[ה] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ע': וְזֶה הַצַּדִּיק, מַמְשִׁיךְ כָּל הַהַשְׁפָּעוֹת לָעוֹלָם, בִּבְחִינוֹת (אִיּוֹב כ"ח): "וְעַפְרֹת זָהָב", שֶׁכָּל הַהַשְׁפָּעוֹת נִמְשָׁכִין מִבְּחִינוֹת עָפָר, מֵהַצַּדִּיק הַנַּ"ל. **וְעַל כֵּן אִם נוֹתְנִין צְדָקָה לְזֶה הַצַּדִּיק, הוּא מִתְבָּרֵךְ מִיָּד. כִּי הוּא בְּחִינַת זְרִיעָה עַל הֶעָפָר, שֶׁמַּצְמַחַת כֶּפֶל כִּפְלַיִם**, בִּבְחִינוֹת (הוֹשֵׁעַ י): "זִרְעוּ לָכֶם לִצְדָקָה וְקִצְרוּ לְפִי חֶסֶד".

האט מען געמאכט א חשבון - א רשימה פון אלע נצרכים, איז געווען אויף עטליכע חדשים פאר יעדן איינעם צו געבן אויף צו לעבן - אזוי פיל געלט איז געווען פאר צדקה - עס איז געווען א חשבון פון א דרייסיג-פערציג פאמיליעס; איז געווען אויף עטליכע חדשים פאר יעדן איינעם צו געבן אויף צו לעבן - אזוי פיל געלט איז געווען די רווחים.

דארטן ביי די רוסישע געלט - די פאפירענע געלט - איז דא א הונדערטער, א טויזענטער, עס איז געווען א פאפירענער מיליאן, און א מיליארד. האט מען מיר אזוי ארומגענומען (מיט די 'פאפירן') - איך בין אזוי גראב געווארן פון אזוי פיל געלט - אנגעפאשעט מיט געלט - מיליארדן האט מען מיר מיטגעגעבן...

אז איך בין געקומען קיין אומאן האט מען געמאכט א רשימה, און יעדן פרייטאג האט מען אויסגעטיילט פאר די ארעמעלייט.

ברוך השם, איך בין אוועקגעגאנגען, איך האב גלייך אריבערגעפירט דאס געלט, געמאכט א רשימה און צעטיילט אזוי. אז עס איז אריבער א שטיקל צייט, האב איך נאכאמאל געמוזט אריבערברענגען.

## מקדים געווען רפואה למכה

אמאל האט ער מיר געזאגט, "וואס זאלן מיר טוהן מיט אונזער האלב? מיר האבן דאך זייער אסאך געלט, מיר דארפן דאך נישט אויפעסן אזוי פיל געלט, וואס זאלן מיר טוהן מיט אונזער האלב? מילא דעם רבי'נס האלב - צעטיילט מען די ארעמעלייט און אויף אויסלייזן דער שול, אבער וואס זאלן מיר טוהן מיט אונזער האלב?!"...

האב איך זיי אזוי געזאגט, "אזוי ווי אייער שותף איז דאך אין אומאן" - דער רבי, "דארפט איר זעהן אז אייער פארמעגן זאל אויך זיין אין אומאן - נישט אין באברויסק!".

האט ער מיר געפאלגט, זיי האבן אפגעקויפט מיט זייער פארמעגן אסאך גאָלד, און ביי מיר אין שטוב איז געלעגן דאס פארמעגן; איך האב אויסגעגראבן גריבעלעך, און אין יעדעס גריבעלע איז געלעגן דארט א סכום גאלד.

דער אויבערשטער האט רחמנות געהאט און מקדים געווען די רפואה למכה. אומגערעכט קומען איינמאל אריין דארטן די רוסן - די קאמוניסטן ימ"ש, מען רופט עס דארטן אָן: "זאסלאטשוועט" - "גייט אלע ארויס פון שטוב - מען פארשליסט דער שטוב; ביז פיר און צוואנציג שעה טארט איר נישט זיך געפונען אין דער שטאט - גייט!" אלעם בלייבט איבער פאר 'זיי'...

דו קענסט אנטוהן אויף זיך נאך א העמד און נאך א מאנטל - און גיי. גארנישט. טאמער וועסטו נעכטיגן, קען מען דיר שוין פארשיקן...

איז ער דאך געווען גליקליך וואס דער פארמעג איז געווען אין אומאן.

'זיי' האבן פארשטאנען אז מסתמא דארטן (- בביתם) האבן זיי באהאלטן זייער פארמעגן אדער באגראבן, דעריבער הייסט מען אים אוועקגיין, ער טאר נישט זיין אין שטאט, בלייבט דאך אלץ איבער פאר זיי.

ער האט געמוזט אוועקגיין פון דארט - ער מיט די ווייב מיט די קינדער, ער האט שוין נישט געטארט בלייבן אין שטאט.

ברוך השם, איך האב זיי געגעבן די עצה אז זיי זאלן אזוי טוהן - "אז דער רבי איז דא דא - דארף אייער פארמעג אויך זיין דא!".

זיי זענען ארויסגעקומען קיין אומאן, אין אומאן האבן זיי זיך אויך געמאכט א שטיקל פאבריק פון זייף, זיי האבן ברוך השם געהאט ווייטער א פארמעג.

דערנאך, אין רוסלאנד איז אזוי; טאמער אין אומאן איז ער געווארן אביסל צו 'היימיש', האט ער שוין פון אומאן אויך געמוזט אוועק, טויג שוין אומאן אויך נישט, טאמער איז ער צו פיל דא אין אַן ארט און זיי ווערן געוואויר, מוז ער שוין בייטן דעם פלאץ.

❖

# געגעבן די חברה אויף יום-טוב

אמאל איז געווען, איך בין געגאנגען אין מקוה פרייטאג, און דער בעדער האט געדארפט אריינגיסן א הייסן עמער וואסער אין א וואַנע, האט ער דאס אריינגעגאסן (בטעות) אויף מיר, ער האט מיר אפגעקאכט רח"ל... א געוואלד איז געווען, איך בין אפגעלעגן אפשר א צוויי וואכן.

דערווייל גייט פסח, און די חברה האבן נישט אויף יום-טוב. געדענק איך, כ'האב געשריבן א בריוו צו זיי: "עס גייט יום טוב, און די חברה האבן נישט אויף יום-טוב!". דער בריוו איז צו זיי אנגעקומען, האבן זיי איבערגעליינט דעם בריוו - דער זוהן מיט דער פאטער. האט דער זוהן זיך אנגערופן: "מען דארף שרייבן לוי יצחק'ן ער זאל ארויסנעמען א סכום געלד און פארקויפן און געבן די חברה אויף יום טוב!" - אזוי האט דער זוהן געהאלטן.

האט זיך אנגערופן דער טאטע: "איך האלט נאכנישט דערביי!" דאס הייסט, עס איז א צו גרויסע זאך - ארויסצונעמען א סכום געלד און פארקויפן און געבן די אידן אויף יום טוב? - "איך האלט נאך נישט דערביי!" - ר' מרדכי אליין האט עס מיר שפעטער אזוי דערציילט אז ער האט אזוי געזאגט.

דערציילט מיר ר' מרדכי, נאכדעם בין איך אוועקגעגאנגען אין א זייט, און כ'האב זיך אויסגעוויינט פארן אויבערשטן: "אז מיין ישראל הייסט אזוי, זאל איך זאגן - 'איך האלט נישט דערביי'?! - איך שעם זיך! איך זאל זאגן - 'איך האלט נישט דערביי'?!".

הכלל, עס איז אנגעקומען א בריוו אז איך זאל ארויסנעמען א סכום געלד און זעהן אז ס'זאל זיין אויף יום טוב.

האב איך אים אוועקגעשריבן נאך א בריוו - אים געשריבן און זייער געדאנקט - א גרויסע זאך, אבער עס איז נישט געווען צו באקומען קיין שמן אויף יום טוב - שמן איז נישטא.

זיי - די זייף האבן זיי געמאכט מיט שמן, האבן זיי געהאט פעסער שמן אסאך. האט דער זוהן גענומען א פאס שמן און אוועקגעגאנגען אין פּאָסט אריין, און עס איז אנגעקומען צו מיר אין שטוב אריין א פאס מיט שמן...

געדענק איך, מען איז געשטאנען ביי מיר ערב פסח, מען האט געוואוגן, מען האט יעדן איינעם געגעבן א פלאש צו צוויי פלעשער - לויט די פאמיליע, האט שוין יעדער איינער געהאט שמן אויך.

אזעלכע חסידים האבן מיר געהאט - דאס איז די בעלי בתים!

אט דאס איז געווען דער ר' מרדכי באבריניצער!

❖

## מען דארף אויך מקיים זיין...

(השואל: דאס ווערן א שותף מיט דעם רבי'ן - דאס ניצט מיט יעדן?) פארוואס נישט?!

נאר וואס דען? מען דארף מקיים זיין!

ר' מרדכי באבריניצער, וואס ער האט געזאגט - האט ער מקיים געווען.

זאגן קען מען זאגן, אבער מקיים זיין... עס גייט אזוי פיל שפע, און מען דארף געבן אזוי פיל צדקה - דאס דארף מען מקיים זיין, אז נישט דארף מען נישט צוזאגן.

דאס איז אלץ געווען דערפאר ווייל זיי זענען געווען גרויסע מתבודדים, זיי האבן זיך מיישב געווען פארן אויבערשטן, ממילא, אז מען האט געזאגט - האט מען מקיים געווען וואס מען האט געזאגט.

(השואל: דאס איז איז געווען מיט עדות?) ניין, וואספארא עדות?! ער האט געהאט דארטן ערב ראש השנה השתטחות ביים רבי'ן אויפן ציון, האט ער געזאגט צום רבי'ן: "רבי, איך האב דארט א פאבריק פון זייף - איך נעם אייך צו פאר א שותף, וואס מיר וועלן פארדינען - וועלן מיר נעמען 'זיך' האלב, און האלב וועלן מיר אוועקגעבן

אייך" - אייערע מענטשן, אויף דער שול, אויף דעם רבי'נס זאך! - אזוי האט ער צוגעזאגט דעם רבי'ן אויפן ציון.

עס איז טאקע געגאנגען א שפע - אַך אַך אַך! אזא שפע איז געגאנגען - אז מען האט נישט געוואוסט - - עס איז דאך געווען נאך פאבריקן פון זייף אין באברינייץ, האבן זיי געזאגט: "וואס איז דאס א חילוק פון אונזער זייף מיט אייערע? פארוואס לייזט איר אזוי פיל און מיר לייזן גארנישט אזוי פיל?!".

מען האט עס געכאפט פון די הענט, אז עס האט זיך אפגעקאכט א קעסל זייף איז עס שוין געווארן צעכאפט, מען האט געארבעט טאג און נאכט.

נו, דער רבי איז דאך א שותף!

❖

ישראל דער זוהן איז געווען א מאדערנער. צום סוף אבער, האב איך געהערט דערציילן, מען האט אים גארנישט דערקענט, ער איז געווען אזוי ווי אַן אלטער ערליכער איד, ער האט געהאט א לאנגע בארד מיט פיאות, אַן אויסגעוויינט פנים, אויסגעוויינטע אויגן - ישראל דער זוהן.

אוי, זיינע צדקות - אָה! אָה! א געוואלד, א געוואלד!

ישראל איז אומגעקומען ביי היטלער'ן. און דער פאטער - נעבאך אין די עלעקטער.

(השואל: עס איז דא אייניקלעך?) ווער ווייסט?! אין רוסלאנד - ווער ווייסט?! ישראל איז שוין אַן עלטערער מענטש געווען, א קראנקער מענטש, ער האט געהאט קראנקע פיס.

(ר' נחמן בורשטיין: ער איז געווען אין אומאן ביזן סוף?) אין קריבוויראג.

(השואל: ישראל האט גע'ירשנ'ט דעם פאבריק?) געווענטליך - אלעס, ער איז דאך א בן יחיד געווען.

(השואל: ישראל איז אויך א בעל צדקה געווען?) נאך מער ווי דעם פאטער.

די צדקות וואס זיי האבן געגעבן, דאס איז ממש - -

(השואל: דווקא פאר אנשי שלומינו, אדער פאר אנדערע אויך?) **אנדערע האבן זיי געגעבן** אביסעלע. אפילו ר' אייזיק פון אומאן האט געגעבן פאר אנדערע אביסעלע - דער עיקר האט ער געגעבן דא.

❖

## עפענען א טירל

דער רבי זאגט אין דעם אנדערן חלק[י]: **"צדקה מאכט א פתח; און אז עס איז דא א פתח - מאכט עס דעם פתח ברייטער".**

עס איז דאך דא א פתח אין אידישקייט; אז א מענטש גייט אריין אין אַן עבודה אריין - אין וואספארא עבודה ער גייט נאר אריין - דאווענען, לערנען, צדקה, דארף מען מאכן א טיר ער זאל קענען אריינגיין; צדקה עפנט דער טיר. און אז עס איז דא א טיר - מאכט זי ברייטער דער טיר.

מיר ווייסן נישט וואס דאס הייסט א 'טיר', וואס דאס הייסט מאכן א 'פתח', וואס הייסט 'אריינגיין אין דער עבודה'. דער ווארט אליין איז דאך א געוואלדיגער ווארט - "אריינגיין אין דער עבודה", "מאכן א טיר", און "א ברייטערע טיר".

נאר דער וואס ער טוהט דערינען און ער גייט אריין אין עבודת השם, דער ווייסט וואס הייסט א טיר - ער וויל דאך אריינגיין, דער רבי רעדט דאך פון "אריינגיין אין דער עבודה" - אריינגיין אינעווייניג - 'דער' זעהט אז ער גייט נישט אריין; און פארוואס גייט ער נישט אריין? ווייל ער האט נישט קיין פתח; צדקה מאכט דעם פתח. און אז ער איז

---

[י] ליקוטי מוהר"ן סי' ד', אות ב', וזל"ש: כָּל דָּבָר וְדָבָר מֵעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, כְּשֶׁרוֹצִין לִכָּנֵס בְּאוֹתוֹ הַדֶּרֶךְ וְאוֹתוֹ הָעֲבוֹדָה, צְרִיכִין לִפְתֹּחַ שָׁם פֶּתַח לִכָּנֵס בְּאוֹתוֹ הַדֶּרֶךְ. וְזֶה בְּחִינַת: 'כָּל הַתְחָלוֹת קָשׁוֹת', מֵחֲמַת שֶׁבַּהַתְחָלָה צְרִיכִין לְשַׁבֵּר וְלִפְתֹּחַ פֶּתַח מֵחָדָשׁ, עַל כֵּן קָשֶׁה מְאֹד. וּסְגֻלַּת כֹּחַ הַצְּדָקָה לְהַרְחִיב וְלִפְתֹּחַ הַפֶּתַח יוֹתֵר וְיוֹתֵר, שֶׁכְּשֶׁעוֹשִׂין אֵיזֶהוּ פֶּתַח בְּאֵיזֶה עֲבוֹדָה וְנוֹתְנִין צְדָקָה, אֲזַי הַצְּדָקָה פּוֹתַחַת וּמַרְחֶבֶת הַפֶּתַח יוֹתֵר וְיוֹתֵר, כִּי צְדָקָה הִיא הַהַתְחָלָה שֶׁל כָּל הַהַתְחָלוֹת, כִּי הִיא פּוֹתַחַת וּמַרְחֶבֶת כָּל הַפְּתָחִים כַּנַּ"ל.

אביסל אריינגעגאנגען, מאכט די צדקה ברייטער דעם פתח! - 'דער' האט א געפיל אין די ווערטער וואס דאס הייסט א 'פתח', וואס דאס הייסט 'אריינגיין'.

עס איז דא א לשון אין די תפילות[ז]: "עדיין אני מבחוץ" - איך שטיי נאך אינגאנצן אינדרויסן! איי איך דאוון דאך און איך לערן דאך? איך קען אבער נישט אריין אינעווייניג - אריינגיין אין דעם ווארט אריין, אריינגיין אין דעם דאווענען, אריינגיין אינעווייניג!

❖

## דער ספעציעלער גארטל

(השואל: מען קען מאכן א שותפות מיט דעם רבי'ן אפילו נישט ביים ציון אויך?) יא יא, מען קען מאכן א שותפות; נאר וואס דען, מען זאל נישט אפנאַרן דעם רבי'ן - זיין אַן אמת'ער שותף!

מען דארף זיין זייער פארזיכטיג; ווייל א מענטש איז זיך מורה היתר, 'ווען וועל איך אוועקגעבן די געלט? איך וועל אוועקגעבן דארטן דעם מענטש - אפשר 'דער' דארף יא און 'דער' דארף נישט? אפשר בין איך גאר מער נצרך פון אים?' - חשבונות אויף חשבונות, מען דארף זיין זייער פארזיכטיג.

ער - ר' מרדכי האט געשטאמט פון די אלטע חסידים פון דורות (- מתלמידי רביז"ל), זיי האבן טאקע מקיים געווען.

דער אויבערשטער העלפט אז וואס עס גייט מער שפע, איז דאך דא מער רווחים, איז דאך דא מער שותפות, שווערע טויזענטערס! די געלט וואס ער האט מיר געגעבן דעמאלט צו טיילן איז אזוי ווי היינט א האלבער מיליאן(!), אפשר נאך מערער, דאס איז נישט קיין קלייניקייט אזוי פיל געלט אוועקצוגעבן.

---

[ז] ליקוטי תפילות ח"ב, תפילה ל"ו.

ישראל׳ס פרוי איז געווען א פיינע פרוי, אבער זי האט נישט געטארט וויסן אז אזוי פיל געלט גיט מען אוועק. אז איך פלעג קומען, האט זי פארשטאנען אז איך קום וועגן די צדקות געבן, אבער אז אזוי פיל - דאס האט זי נישט געוואוסט.

ער פלעגט מיר דערציילן - דער פאטער, וואס האט ישראל געטוהן? ישראל האט גענומען א גאנצער פאק מיט געלט און ער האט דאס אריינגעלייגט דארט אין זיין בעט. ביינאכט ווען זי שלאפט און מען שטייט דאך אויף עפעס טוהן אין אידישקייט, דעמאלט קען מען נעמען דאס געלט און מאכן דארטן דעם ברייטן גארטל, דאס אנשטאפן פול מיט געלט און צוגרייטן אויף צו פארן.

אמאל איז זי געגאנגען אויסבעטן דער בעט, האט זי געפונען דארטן פעק מיט געלט. זי האט פארשטאנען - ׳ווי קומט דאס אז ישראל זאל האלטן דארטן געלט אין זיין בעט? מסתמא וועט ער דאס אוועקגעבן לוי יצחק׳ן...

האט ער מיר דערציילט אז עס איז געווארן דארטן א שטיקעלע ׳קול הברה׳. עס איז געגאנגען אזוי ווייט - אז איך בין אוועקגעפארן אויף עטליכע וואכן און געקומען קריק כדי ער זאל קענען זאגן - ׳ווי גיב איך אים אוועק - ער איז דאך אוועקגעפארן!?׳.

ער האט אויסגעפירט, אבער עס האט געמוזט אריבערגיין דער רעש ביז ער זאל נאכאמאל קענען מאכן די געשעפטן...

דאס איז נישט קיין קליניקייט, ער גיט דאך אוועק א פארמעג! דאס איז נישט מיינס, עס איז דאך א שותף מיינעם׳ס, עס איז דאך גזילה; איך וועל גזלן׳ען? און וואספארא שותף? אזא מין שותף - א שותף למעלה - דעם רבי׳ן! - א קלייניקייט?! זאל איך טשעפען עפעס א ׳בדק הבית׳, ׳הקדש׳?!

עס איז געווען ביי אונז אזעלכע באהאלטענע מענטשן וואס מען האט נישט געוואוסט פון זיי, ׳בהצנע לכת׳. דאָ גראדע - פארוואס וויים איך מער דערפון? ווייל עס איז געגאנגען דורך מיר, ער האט געמוזט אנקומען צו מיר - איך זאל פארן אפנעמען דאס געלט און צעטיילן, דערפאר וויים איך. אבער עס זענען אויך געווען אנדערע בעלי צדקות - גרויסע בעלי צדקות, און מען האט נישט געוואוסט פון זיי...

❖ ❖ ❖

# אוועקשטעלן דעם פונדאמענט

**דער רבי רעדט דא אין דער תורה פון "ויהי ביום השמיני"[ח], עס איז דא א 'כח המושך' און עס איז דא א 'כח המכריח'. "אלע זאכן זענען דאך אויף דער ערד - אזוי ווי מיר זעהען בחוש - אלץ וואקסט פון דער ערד, 'וכל הדברים והבריות הולכים ומונחים" - זיי גייען און טרעטן אויף דער ערד, "און עס קען נישט זיין זיי זאלן נפסק ווערן און דערווייטערט ווערן פון דער ערד סיידן דורך א 'כח המכריח' וואס זאל אים אוועקשלעפן".**

**ווייל די ערד אליין ציהט צו זיך צו, נאר עס איז דא א כח וואס איז מכריח דער זאך און שלעפט עס אוועק פון דער ערד, וואס דעמאלט קען זיין אז די זאך זאל ווערן דערווייטערט פון דער ערד. אבער אזוי ציהט זיך אלץ די זאך צו דער ערד.**

**"און וואס דער כח המכריח איז אלץ שטארקער, ווערט די זאך מער דערווייטערט פון דער ערד. אבער נאכדעם אז דער כח המכריח ווערט אויפגעהערט, פאלט עס צוריק צו דער ערד.**

**"אז איינערווארפט א זאך למעלה, אויב ער האט מער כח, ווארפט ער די זאך העכער, איז די זאך ווייטער פון דער ערד. אבער אז עס לאזט זיך דאך אויס דער כח זיינער - פאלט זי אראפ קריק, ווייל די ערד האט א כח המושך וואס ציהט צו זיך צו.**

---

ח ליקוטי מוהר"ן סי' ע', וזל"ש: כִּי כָּל הַדְּבָרִים הֵם עַל הָאָרֶץ, כְּמוֹ שֶׁאָנוּ רוֹאִין בְּחוּשׁ, שֶׁהַכֹּל גָּדֵל מִן הָאָרֶץ, וְכָל הַדְּבָרִים וְהַבְּרִיּוֹת הוֹלְכִים וּמֻנָּחִים עַל הָאָרֶץ, וְאִי אֶפְשָׁר שֶׁיִּפָּסְקוּ וְיִתְרַחֲקוּ מֵהָאָרֶץ אִם לֹא עַל יְדֵי כֹּחַ הַמַּכְרִיחַ הַיְנוּ עַל יְדֵי שֶׁיֵּשׁ מִי שֶׁמַּכְרִיחַ הַדָּבָר, וְנוֹטְלוֹ מִמְּקוֹמוֹ מֵהָאָרֶץ, וּמַרְחִיקוֹ מִמֶּנָּה. וּכְפִי כֹּחַ הַמַּכְרִיחַ, כֵּן נִתְרַחֵק הַדָּבָר מֵהָאָרֶץ. וְאַחַר כָּךְ כְּשֶׁנִּפְסָק כֹּחַ הַמַּכְרִיחַ, חוֹזֵר הַדָּבָר לְהָאָרֶץ. כְּגוֹן: אִם זוֹרֵק אָדָם דָּבָר לְמַעְלָה, אֲזַי עַל יְדֵי כֹּחוֹ מַכְרִיחַ הַדָּבָר וּמַפְסִיקוֹ מֵהָאָרֶץ. וּכְפִי כֹּחוֹ, כֵּן מַכְרִיחַ הַדָּבָר וְזוֹרְקוֹ לְמַעְלָה יוֹתֵר. וְאַחַר כָּךְ כְּשֶׁנִּפְסָק כֹּחוֹ, שֶׁהוּא כֹּחַ הַמַּכְרִיחַ, חוֹזֵר הַדָּבָר וְנוֹפֵל לְהָאָרֶץ. כִּי הָאָרֶץ יֵשׁ לָהּ כֹּחַ הַמּוֹשֵׁךְ, וּמַמְשֶׁכֶת כָּל הַדְּבָרִים לְעַצְמָהּ. כִּי אִם לָאו, לֹא הָיוּ יְכוֹלִים לְהִתְקַיֵּם עָלֶיהָ, כִּי הָיָה רָאוּי לִפֹּל מִמֶּנָּה, מֵחֲמַת שֶׁהִיא כַּדּוּרִית, וְכָל בְּנֵי הָעוֹלָם עוֹמְדִים סְבִיבָהּ כַּיָּדוּעַ, אַךְ שֶׁיֵּשׁ לָהּ כֹּחַ הַמּוֹשֵׁךְ. וְעַל כֵּן כְּשֶׁנִּפְסָק כֹּחַ הַמַּכְרִיחַ, וְחוֹזֵר הַדָּבָר וְנוֹפֵל לְמַטָּה לְהָאָרֶץ, כָּל מַה שֶּׁמִּתְקָרֵב יוֹתֵר לְמַטָּה, הוּא פּוֹרֵחַ וְנוֹפֵל לְמַטָּה בִּמְהִירוּת יוֹתֵר, זֶה מֵחֲמַת שֶׁמִּתְקָרֵב לְהַכֹּחַ הַמּוֹשֵׁךְ שֶׁל הָאָרֶץ, עַל כֵּן נוֹפֵל בִּמְהִירוּת יוֹתֵר לְמַטָּה.

"וואס זי ווערט נענטער צו דער ערד - **פאלט זי גיכער**"; אבער וואס דער אויר איז העכער - איז דער אויר געדיכטער.

זאגט דער רבי אזוי[ט]: "**דער צדיק איז בחינת 'עפר', ער איז דער 'כח המושך' וואס ער ציהט צו צו זיך יעדן איינעם; דער צדיק - ער איז דער יסוד פון דער וועלט**".

וואס הייסט "יסוד"? אז איינער וויל בויען א בנין, מוז ער מאכן אונטן א יסוד; וואס דער בנין איז העכער און מער שטאָקן - מער קומות, מוז דער יסוד זיין שטארקער!

צו אויסהאלטן די גאנצע וועלט, נישט נאר די וועלט - נאר וועלטן, דאס איז דער צדיק - ער איז דער יסוד פון דער וועלט, אלע שטייען אויף אים![י]

"צדיק" איז דער ענין פון 'שמירת הברית'[יא]; וואס דער מענטש איז מערער אין דער זאך, איז דער יסוד ביי אים שטארקער[יב]. דערפאר הייסט עס טאקע "יסוד". אז דער יסוד איז שטארק, ממילא קען ער בויען בנינים, קען ער בויען און בויען. פארוואס האבן די צדיקים געבויעט אזעלכע בנינים - געוואלדיגע בנינים - אין תפילה, אין תורה, אין דביקות צום אויבערשטן, השגות? ווייל זיי האבן געהאט דעם יסוד!

וואס דער יסוד איז געווען שטארקער, האבן זיי שענער געבויעט.

---

[ט] שם בהמשך: וְהַצַּדִּיק הוּא בְּחִינַת עָפָר הַנַּ"ל, כִּי הַצַּדִּיק הוּא יְסוֹד עוֹלָם כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (מִשְׁלֵי י): "וְצַדִּיק יְסוֹד עוֹלָם", וְכָל הַדְּבָרִים עוֹמְדִים עָלָיו. וְיֵשׁ לוֹ כֹּחַ הַמּוֹשֵׁךְ, לְהַמְשִׁיךְ כָּל הַדְּבָרִים אֵלָיו. כִּי זֶה הַצַּדִּיק, הוּא רַק יָחִיד בָּעוֹלָם, שֶׁהוּא יְסוֹד עוֹלָם, שֶׁכָּל הַדְּבָרִים נִמְשָׁכִים מִמֶּנּוּ, וַאֲפִלּוּ כָּל הַצַּדִּיקִים הֵם רַק עֲנָפִים מִמֶּנּוּ, כָּל אֶחָד לְפִי בְּחִינָתוֹ. יֵשׁ שֶׁהוּא בְּחִינוֹת עָנָף, מִמֶּנּוּ, וְיֵשׁ שֶׁהוּא בְּחִינוֹת עָנָף מִן הֶעָנָף. כִּי זֶה הַצַּדִּיק הַיָּחִיד בָּעוֹלָם, הוּא עָנָו וְשָׁפָל, וּמֵשִׂים עַצְמוֹ כְּעָפָר, בִּבְחִינוֹת (בְּרֵאשִׁית יח): "וְאָנֹכִי עָפָר וָאֵפֶר". וְעַל כֵּן הוּא יְסוֹד עוֹלָם, הַיְנוּ בְּחִינַת עָפָר, שֶׁכָּל הַדְּבָרִים הֵם עָלָיו כַּנַּ"ל.

[י] עיין עוד ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ס"ו, וסי' ס"ז.

[יא] עיין זוהר פר' בראשית דף ל"ב ע"ב; שם פר' נח דף נ"ט ע"ב, ועוד.

[יב] עיין ליקוטי הלכות הל' מילה ה"ג, אות ד': **עִקַּר קִיּוּם הָעוֹלָם הוּא עַל יְדֵי תִּקּוּן הַבְּרִית**, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב, אִם לֹא בְרִיתִי יוֹמָם וָלָיְלָה חֻקּוֹת שָׁמַיִם וָאָרֶץ לֹא שָׂמְתִּי. **כִּי עִקַּר כְּלַל וִיסוֹד כָּל הַתּוֹרָה כֻּלָּהּ הוּא שְׁמִירַת הַבְּרִית קֹדֶשׁ**. וְכַמּוּבָא בַּזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ וּבְכָל הַסְּפָרִים. וּבִשְׁבִיל זֶה נִקְרֵאת הַתּוֹרָה בְּרִית, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב, וּשְׁמַרְתֶּם אֶת בְּרִיתִי. כִּי עִקַּר הַתּוֹרָה הִיא שְׁמִירַת הַבְּרִית. וְעִקַּר קִיּוּם הָעוֹלָם הִיא עַל יְדֵי תִּקּוּן הַבְּרִית, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב, **וְצַדִּיק יְסוֹד עוֹלָם**. וְצַדִּיק הוּא מָאן דְּנָטַר בְּרִית. וְאִם כֵּן תֵּכֶף כְּשֶׁאָדָם פּוֹגֵם בִּבְרִית חַס וְשָׁלוֹם, הָיָה רָאוּי שֶׁחַס וְשָׁלוֹם, יַחֲזֹר הָעוֹלָם לְתֹהוּ וָבֹהוּ.

טאמער איין צדיק איז געווען גרעסער פון דעם אנדערן, איז דאס ווייל ער האט געהאט א שטארקערן יסוד, ער איז געווען דערינען שטארקער, פעסטער, האט זיך געבויעט דער בנין נאך שענער, נאך שענער, נאך שענער[יג].

❖

## ווען מען זאל נישט קריגן אויפן רבי'ן...

דער רבי זאגט דארט ווייטער[יד]: "אויב דער צדיק איז דער כח המושך, וואלטן דאך געדארפט אלע זיך ציהען צום צדיק?" - אז ער איז דער כח המושך, זאלן זיך אלע ציהען צום צדיק - "נאר עס איז דא א כח המבריח וואס שלעפט אוועק פון אים; עס איז דא מענטשן וואס דורך זייערע דיבורים, זייערע מעשים, שלעפן זיי אוועק פון דעם צדיק".

רבי נתן האט אזוי געזאגט[טו]: "ווען מען זאל ווען נישט קריגן אויפן רבי'ן, וואלט דער רבי מקרב געווען דער גאנצער וועלט צום אויבערשטן!" אזא מין כח המושך אלקות האט דער רבי - ער וואלט די גאנצע וועלט מקרב געווען צום אויבערשטן.

וואס הייסט 'די וועלט'? די גרעסטע מענטשן און די קלענסטע מענטשן - אט דאס איז די וועלט. די גרעסטע מענטשן וואלט דער רבי געוויזן אז זיי ווייסן נאך גארנישט,

---

[יג] עיין חיי מוהר"ן אות תר"א: וְאָמַר אֲבָל בֶּאֱמֶת הָעִקָּר הוּא רַק הַתַּאֲוָה הַזֹּאת, כִּי שְׁאָר כָּל הַתַּאֲווֹת בְּקַל יְכוֹלִים לְשַׁבְּרָם, **וְעִקַּר מַעֲלַת הַצַּדִּיק הִיא כְּפִי קְדֻשָּׁתוֹ בְּתַאֲוָה הַזֹּאת כְּשֶׁזּוֹכֶה לְשַׁבְּרָהּ לְגַמְרֵי.**

[יד] שם בהמשך: וְהִנֵּה הָיָה רָאוּי שֶׁיִּמָּשְׁכוּ כָּל בְּנֵי אָדָם לְזֶה הַצַּדִּיק, שֶׁהוּא בְּחִינַת עָפָר, שֶׁיֵּשׁ לוֹ כֹּחַ הַמּוֹשֵׁךְ כַּנַּ"ל. אַךְ עַל יְדֵי כֹּחַ הַמַּבְרִיחַ, מַפְסִיקִין וּמַרְחִיקִין מִמֶּנּוּ. **הַיְנוּ, שֶׁיֵּשׁ בְּנֵי אָדָם, שֶׁעַל יְדֵי דִּבּוּרָם וּמַעֲשֵׂיהֶם, הֵם מַבְרִיחִים אֶת בְּנֵי אָדָם לְהַפְסִיקָם וּלְהַרְחִיקָם מֵהַצַּדִּיק** הַנַּ"ל. וּלְפִי כֹּחַ הַמַּבְרִיחַ, כֵּן מַרְחִיק מֵהַצַּדִּיק כַּנַּ"ל. וְאַחַר כָּךְ כְּשֶׁיַּפְסִיק כֹּחַ הַמַּבְרִיחַ, יַחֲזֹר וְיַמְשִׁיךְ עַצְמוֹ וְיִתְקָרֵב לְהַצַּדִּיק שֶׁהוּא בְּחִינַת עָפָר כַּנַּ"ל. כִּי כְּשֶׁיַּפְסִיק הַמַּבְרִיחַ, יָשׁוּב לְהֶעָפָר לְהַצַּדִּיק הַנַּ"ל, שֶׁיֵּשׁ לוֹ כֹּחַ הַמּוֹשֵׁךְ כַּנַּ"ל. וְעַל כֵּן יֵשׁ בְּנֵי אָדָם שֶׁהֵם רְחוֹקִים מְאֹד מֵהַצַּדִּיק, מֵחֲמַת שֶׁהֵם עֲדַיִן בְּכֹחַ הַמַּבְרִיחַ הַמַּרְחִיק אוֹתָם, אֲבָל אַחַר כָּךְ כְּשֶׁיַּפְסִיק כֹּחַ הַמַּבְרִיחַ, יַחְזְרוּ וְיִתְקָרְבוּ כַּנַּ"ל.

[טו] עיין חיי מוהר"ן אות קט"ו: **וְלוּלֵא שֶׁהִתְגַּבֵּר הַקִּטְרוּג עַל הָעוֹלָם עַד שֶׁלֹּא הָיָה הָעוֹלָם כְּדַאי לִינֹק מֵאוֹר כָּזֶה וְעָמַד וּגְנָזוֹ, הָיָה נִתְגַּלֶּה גְּדֻלָּתוֹ בָּעוֹלָם וְהָיָה מַחֲזִיר כָּל הָעוֹלָם אֵלָיו יִתְבָּרַךְ. כִּי זֶה הָיָה כָּל מְגַמָּתוֹ תָּמִיד כָּל יְמֵי חַיָּיו, וּבָזֶה עָסַק תָּמִיד לְזַכּוֹת הָרַבִּים וּלְהוֹצִיאָם מֵחֹשֶׁךְ לָאוֹר, מֵאֲפֵלָה לְאוֹר גָּדוֹל.**

ממילא דערמיט וואלט ער 'זיי' מקרב געווען; און די קלענערע וואלט ער געוויזן, אז "דער אויבערשטער איז מיט אייך און ביי אייך און לעבן אייך און ער וויל אייך" - וואלט ער זיי אזוי מקרב געווען[טז] - אט דאס איז 'די וועלט'[יז].

נאר ווען? אז עס זאל נישט זיין קיין כח המכריח וואס שלעפט אוועק - עס איז דא א כח המכריח.

## נישט ווערן אוועקגעשלעפט

דער רבי זאגט דארט: "דורך זייערע דיבורים און זייערע מעשים זענען זיי מכריח מענטשן אפצוהאקן און זיך דערווייטערן פון דעם צדיק".

דאס איז סיי בכלל, אז די וועלט ליגט דארטן אין שלעכטע דיבורים, אין שלעכטע מעשים, דאס שלעפט טאקע אוועק פון דעם צדיק. אבער עס גייט ארויף אויף דעם מענטש אליין אויך; דער מענטש, אזוי ווי ער דארף זיך היטן פון מעשים רעים, דארף

---

[טז] עיין עלים לתרופה מכתב מיום ו' בלק ת"ר: וְתַתְחִיל מֵחָדָשׁ מַמָּשׁ קָמֵץ אָלֶף בְּהַתּוֹרָה כִּי מְרַחֲמָם יְנַהֲגֵם בְּעִנְיַן מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ הַנִּדְפָּס בִּשְׁנֵי מְקוֹמוֹת שָׁם, וְתִסְתַּכֵּל וּתְעַיֵּן שָׁם מֵחָדָשׁ מַמָּשׁ אֵיךְ דִּקְדַּקְתִּי בִּכְתָבוֹ בְּבֵאוּר הֵיטֵב. כְּמוֹ שֶׁיָּצָא בִּקְדֻשָּׁה וּבְטָהֳרָה מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שֶׁגַּם בִּשְׁאוֹל תַּחְתִּית יְכוֹלִין לְהִתְקָרֵב אֵלָיו. כִּי מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ. וְאֵיךְ צָעַק בְּקוֹלוֹ הַקָּדוֹשׁ וְאָמַר **גָּאט אִיז מִיט דִּיר בַּיי דִּיר לֶעבִּין דִּיר שְׁרֶעק דִּיךְ נִיט. דוּפִּי אָף מַיין כֹּחַ. קֵיין יֵאוּשׁ אִיז גָּאר נִיט פָּאר הַאנְדִין.** וְתַאֲמִין לִי בְּנִי חֲבִיבִי שֶׁכָּל אֵלּוּ הַדִּבּוּרִים נֶאֶמְרוּ אֵלֶיךָ בִּפְרָטִיּוּת.

[יז] עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ז', אות ז': כִּי יֵשׁ דָּרֵי מַעְלָה וְיֵשׁ דָּרֵי מַטָּה, דְּהַיְנוּ עוֹלָם הָעֶלְיוֹן וְעוֹלָם הַתַּחְתּוֹן, בְּחִינַת שָׁמַיִם וָאָרֶץ, וְצָרִיךְ הַצַּדִּיק לְהַרְאוֹת לְדָרֵי מַעְלָה, שֶׁאֵינָם יוֹדְעִים כְּלָל בִּידִיעָתוֹ יִתְבָּרַךְ, שֶׁזֶּה בְּחִינַת הַשָּׂגָה שֶׁל מָה, בְּחִינַת: 'מֶה חָמִית מַה פִּשְׁפַּשְׁתְּ', בְּחִינַת: אַיֵּה מְקוֹם כְּבוֹדוֹ וּלְהֶפֶךְ: צָרִיךְ לְהַרְאוֹת לְדָרֵי מַטָּה, שֶׁאַדְּרַבָּא, מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ (יְשַׁעְיָה ו). כִּי יֵשׁ שׁוֹכְנֵי עָפָר, שֶׁהֵם בְּנֵי אָדָם הַמּוּנָחִים בַּמַּדְרֵגָה הַתַּחְתּוֹנָה, וְנִדְמֶה לָהֶם שֶׁהֵם רְחוֹקִים מְאֹד מִמֶּנּוּ יִתְבָּרַךְ, וְצָרִיךְ הַצַּדִּיק לְעוֹרְרָם וְלַהֲקִיצָם, בִּבְחִינַת (שָׁם כ"ו): "הָקִיצוּ וְרַנְּנוּ שֹׁכְנֵי עָפָר". וּלְגַלּוֹת לָהֶם שֶׁה' עִמָּם, וְהֵם סְמוּכִים אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, כִּי "מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ". וּלְחַזְּקָם וּלְעוֹרְרָם, שֶׁלֹּא יִהְיוּ מְיָאֲשִׁין עַצְמָן, חַס וְשָׁלוֹם, כִּי עֲדַיִן הֵם אֵצֶל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וּקְרוֹבִים אֵלָיו, כִּי "מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ". וְזֶה בְּחִינַת כֹּל, שֶׁיֵּשׁ לְהַצַּדִּיק, בְּחִינַת: "כִּי כֹל בַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ", 'דְּאָחֵד בִּשְׁמַיָּא וְאַרְעָא', הַיְנוּ שֶׁהוּא אוֹחֵז וּמְקַיֵּם שְׁנֵי הָעוֹלָמוֹת: עוֹלָם הָעֶלְיוֹן הוּא אוֹחֵז וּמְקַיֵּם בִּבְחִינַת מָה, בְּחִינַת 'אַיֵּה מְקוֹם כְּבוֹדוֹ', וְעוֹלָם הַתַּחְתּוֹן הוּא מְקַיֵּם בִּבְחִינַת "מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ".

ער זיך היטן פון דיבורים אויך. אז דער דיבור איז אפגעהיטן, און די מעשים, איז דאס א כח המושך אז ער ציהט זיך צום צדיק.

דער רבי זאגט: "עס איז דא מענטשן וואס דורך זייערע דיבורים און זייער מעשים שלעפן זיי אוועק פון דעם צדיק". דאס מיינט מען - סיי אנדערע מענטשן, און עס מיינט טאקע זיך אליין אויך.

אוודאי וואלט געדארפט זיין אז די מענטשן וואס זענען שייכות צום צדיק זאלן אזוי זיין נזהר אין דעם דיבור, דער דיבור זאל זיין ביי זיי אזוי געציילט, אזוי געמאסטן, ווארום דורך א דיבור קען איך דאך אריינגיין אין דעם 'כח המכריח' צו ווערן אוועקגעשלעפט פון דעם צדיק.

ביי יעדן איינעם - פארוואס שיינט נישט דער צדיק ביי אים אזוי? זאגט דער רבי אין תורה י"ז[יח]: "עכירת המעשים וכסילות השכל".

די מערת המכפלה איז דאך געווען ביי עפרון'ען, דארטן איז דער שער גן עדן, אלע נשמות גייען ארויף דארטן - א געוואלד די קדושה פון דעם, אבער ער האט דאס פארקויפט בשמחה רבה פאר פיר הונדערט שקלים...

❖ ❖ ❖

[יח] אות ב', וזל"ש: כִּי לִפְעָמִים יֵשׁ שֶׁנֶּחֱשָׁךְ אֵצֶל אֶחָד אוֹר הַצַּדִּיק, וְאֵינוֹ זוֹכֶה לְהָבִין וְלִרְאוֹת אוֹרוֹ הַגָּדוֹל; וְאַף שֶׁהוּא אֵצֶל הַצַּדִּיק, אֵינוֹ יָכוֹל לִטְעֹם וּלְהָבִין וְלִרְאוֹת אוֹרוֹ הַגָּדוֹל שֶׁל הַצַּדִּיק, שֶׁעַל יָדוֹ יוּכַל לָבוֹא לְתַכְלִית הַטּוֹב. וּכְמוֹ שֶׁמָּצִינוּ גַּבֵּי עֶפְרוֹן, שֶׁמְּקוֹם מְעָרַת הַמַּכְפֵּלָה, שֶׁהוּא שַׁעַר גַּן עֵדֶן, שֶׁדֶּרֶךְ שָׁם עוֹלִין כָּל הַנְּשָׁמוֹת, וְאוֹרוֹ גָּדוֹל מְאֹד, אַף עַל פִּי כֵן אֶצְלוֹ הָיָה מְקוֹם חשֶׁךְ וַאֲפֵלָה, וְעַל כֵּן מְכָרוֹ בְּשִׂמְחָה רַבָּה לְאַבְרָהָם, כַּמּוּבָא (זֹהַר חַיֵּי שָׂרָה קכ"ח). וּכְמוֹ כֵן כְּשֶׁנֶּחֱשָׁךְ אוֹר הַצַּדִּיק, שֶׁהוּא מֵאִיר בְּכָל הָעוֹלָמוֹת, מִכָּל שֶׁכֵּן בָּעוֹלָם הַזֶּה, וְאַף עַל פִּי כֵן אֶצְלוֹ אֵינוֹ מֵאִיר כְּלָל, אַדְּרַבָּא הוּא חשֶׁךְ אֶצְלוֹ וְזֶה מֵחֲמַת עֲכִירַת הַמַּעֲשִׂים וּכְסִילוּת הַשֵּׂכֶל, שֶׁעַל יְדֵי מַעֲשִׂים רָעִים נִתְחַשֵּׁךְ שִׂכְלוֹ בִּכְסִילוּת, דְּהַיְנוּ דֵּעוֹת נִפְסָדוֹת וְחָכְמוֹת נָכְרִיּוֹת, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (יִרְמְיָה ד): "חֲכָמִים הֵמָּה לְהָרַע, וּלְהֵיטִיב לֹא יָדָעוּ", כִּי עַל יְדֵי מַעֲשֵׂיהֶם הָרָעִים אֵינָם יְכוֹלִים לְהִשְׁתַּמֵּשׁ כְּלָל בְּשִׂכְלָם לְהֵיטִיב, כִּי אִם לְהָרַע, וְעַל יְדֵי כְּסִילוּת הַשֵּׂכֶל, עַל יְדֵי זֶה אֵינוֹ יָכוֹל לִרְאוֹת וּלְהָבִין אוֹר הַצַּדִּיק.

# דערהערן!

(חסר) רבי נתן האט אים גערופן: "פרויקע" (- ר' אפרים ב"ר נפתלי. פעם אחת אמר לו:) "דו **פרויקע מיט דיין קעפעלע - זאל איך זיך רעכטן אז נחמן** (מטולטשין) **וועט האבן מער געפיל אין דעם רבי'נס ספר ווי דיר?!".**

וואס הייסט 'מער געפיל אין דעם רבי'נס ספר'? אז מען איז נענטער צום רבי'ן, איז אים דער ספר פון רבי'ן גאר אנדערש, 'איך בין נענטער'!

אזוי ווי בחיי רבינו, אז דער רבי האט געזאגט א תורה - האט דאך יעדער איינער געהערט, אבער יעדער איינער האט אנדערש געהערט.

קריעת ים סוף האט זיך דאך געלאזט הערן אין דער גאנצער וועלט. מען זאגט דאך אין דעם "אז ישיר"[יט]: "שָׁמְעוּ עַמִּים יִרְגָּזוּן", "אָז נִבְהֲלוּ אַלּוּפֵי אֱדוֹם, אֵילֵי מוֹאָב יֹאחֲזֵמוֹ רָעַד" - זיי האבן געציטערט. אידן זענען איבערגעגאנגען א יַם, און אלע מצרים ווערן דערטרונקען - און אידן זענען ארויס, האט די גאנצע וועלט געציטערט.

נאכדעם איז געווארן עמלק - אליפז'ס א זוהן, און אידן האבן געהאלטן מלחמה און מען האט זיי מכניע געווען, האט שוין אויך די וועלט געציטערט. אבער ווער האט זיך מגייר געווען? ווער איז געקומען? 'יתרו' - ער איז געקומען!

ווער האט זיך מגייר געווען? ווער איז געקומען? "וַיִּשְׁמַע יִתְרוֹ"[כ] - 'ער' האט געהערט, אנדערע האבן גארנישט געהערט. "מה שמועה שמע ובא? קריעת ים סוף ומלחמת עמלק". עס האבן דאך אנדערע אויך געהערט? עפעס נאר ער אליין האט געהערט? עס איז געווען באהאלטן אונטער א דאַך?... די וועלט האט דאך געציטערט פון 'קריעת ים סוף ומלחמת עמלק'!?

---

[יט] שמות יד, יד-טו.

[כ] שמות יח, א.

נאר, אט דאס הייסט געהערט, אז ער איז געקומען און ער האט זיך מגייר געווען, ער האט אוועקגעווארפן די עבודות זרות, אוועקגעווארפן די אלע זאכענישן - 'ער' האט געהערט! 'ער' האט געהערט - זיי האבן גארנישט געהערט![כא].

דאס איז אויך דאס אייגענע, אז דער אויבערשטער העלפט - דערהערט מען, מען דערהערט די דיבורים פון דעם צדיק, מען דערהערט!

## נאר מיט אמונה!

דער רבי זאגט טאקע אין תורה ל"ו[כב]: "מען קען נישט האבן קיין תפיסה אין די דיבורים פון דעם צדיק סיידן 'שתיקן אות ברית קודש כראוי'!" - עס איז א געוואלד.

מיר דארפן זיך שטארקן זייער אסאך אין אמונה.

דער "פרפראות" רעדט טאקע[כג], זאגט ער, מען דארף זיך זייער שטארקן אין אמונה. אז מיר האבן נישט (די מוחין) ["סליקא דיסודא עד אבא ואמא" - זאגט דער זוהר], דארפן מיר נאר האבן די אמונה אין דעם צדיק'ס דיבורים!

אז מען חזר'ט איבער א דיבור וואס מען האט שוין אסאך מאל דעם דיבור געהערט. למשל, דעם שבת וועט מען ליינען "פרשת שמיני" מיט א ברכה מיט 'שם ומלכות' לפניה ולאחריה, כאטש מיר ווייסן שוין וואס טוהט זיך אין פרשת שמיני, מען האט

---

[כא] עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' מ"ז: וְכַמּוּבָא עַל פָּסוּק "וַיִּשְׁמַע יִתְרוֹ": 'וַהֲלֹא כָּל הָעוֹלָם שָׁמְעוּ, אֶלָּא יִתְרוֹ שָׁמַע' וְכוּ' (זֹהַר יִתְרוֹ דַּף סח). כִּי רַק שְׁמִיעַת יִתְרוֹ נֶחֱשָׁב לִשְׁמִיעָה, שֶׁנִּכְנַס בְּאָזְנָיו, **וּשְׁמִיעַת כָּל הָעוֹלָם אֵינוֹ נֶחֱשָׁב שְׁמִיעָה כְּלָל.**

[כב] אות ה', וזל"ש: דְּזֶה הוּא כְּלָל גָּדוֹל, שֶׁאִי אֶפְשָׁר לְשׁוּם אָדָם לְהַשִּׂיג וְלִתְפֹּס בְּדִבּוּרוֹ שֶׁל הַצַּדִּיק, אִם לֹא שֶׁתִּקֵּן תְּחִלָּה אוֹת בְּרִית קֹדֶשׁ כָּרָאוּי, וַאֲזַי יָכוֹל לְהָבִין וְלִתְפֹּס דִּבּוּרוֹ שֶׁל הַצַּדִּיק. דְּאִיתָא בַּזֹּהַר: 'סְלוּקָא דִּיסוֹדָא עַד אַבָּא וְאִמָּא'. שֶׁהֵם בְּחִינַת חָכְמָה וּבִינָה, שֶׁהֵם י"ה, שֶׁהֵם מֹחִין. נִמְצָא כְּשֶׁתִּקֵּן אוֹת בְּרִית קֹדֶשׁ כָּרָאוּי, אֲזַי הַמֹּחִין שֶׁלּוֹ בִּשְׁלֵמוּת, וְיָכוֹל לְהָבִין דִּבּוּרוֹ שֶׁל הַצַּדִּיק. כְּפִי הַתִּקּוּן שֶׁל כָּל אֶחָד, כָּךְ הוּא הַשָּׂגָתוֹ.

[כג] שם על סי' ל"ו, באות י'. עיין שם מה שמבאר עפ"י ליקוטי הלכות הל' קרי"ש ה"ד.

שוין אזוי פיל יארן געלערנט די פרשה, אז מען לערנט אפ די רש"י פריער - ווייסט מען דאך שוין; דער תירוץ איז - עס דארף זיין נייי![כד]

ע' פנים לתורה!

א דיבור פון רבי'ן!

א שיחה דארף אויך זיין ביי אונז ניי - כאטש מען האט עס שוין געהערט! קען דער רבי אויסטראכטן אלעמאל נייע שיחות? נאר די שיחה דארף ווערן נייי![כה]

## איך ווייס ווער איר זענט...

אלע ווייסן, דער רבי איז געפארן אמאל א נסיעה מיט רבי נתן'ען, און עס איז געווען נאך תלמידים וואס זענען מיטגעפארן. איז מען דורכגעפארן א דארף, זענען אנגעפאלן אסאך הינט - און זיי האבן געשריגן - הינט שרייען דאך. האט זיך דער רבי אויפגעשטעלט: "איך ווייס, איך ווייס ווער איר זענט!" - זענען זיי אלע אנטלאפן.

שפעטער מיט יארן, שוין נאך דעם רבי'נס הסתלקות, איז רבי נתן אויך געפארן אויף דעם וועג, ער איז אויך דורכגעפארן דעם ארט, זענען אויך אנגעפאלן הינט. האט רבי נתן זיך אנגערופן: "אז איך בין געפארן מיטן רבי'ן, זענט איר אנגעפאלן, האט דער

---

[כד] עיין ליקוטי הלכות הל' קרי"ש ה"ה, אות ב': **אַף בֶּאֱמֶת זֶה עִקַּר שְׁלֵמוּת הָאֱמוּנָה, כִּי כְּשֶׁרוֹצִים לְהוֹדִיעַ דָּבָר חָדָשׁ וְנִפְלָא אוֹמְרִים, שְׁמַע נָא מַה שֶּׁאֲדַבֵּר וַאֲסַפֵּר לְךָ חֲדָשׁוֹת גְּדוֹלוֹת נוֹרָאוֹת וְנִפְלָאוֹת.** וְזֶה בְּחִינַת אֵלּוּ הַשְּׁתֵּי תֵּבוֹת 'שְׁמַע יִשְׂרָאֵל' שֶׁאוֹמְרִים קֹדֶם עִקַּר הַיִּחוּד שֶׁבָּזֶה מְעוֹרְרִים אֶת לְבָבוֹ וּלְבַב כָּל יִשְׂרָאֵל שֶׁיַּטּוּ אָזְנָם וְיִשְׁמְעוּ הֵיטֵב מַה שֶּׁמְּסַפְּרִין לָהֶם חֲדָשׁוֹת גְּדוֹלוֹת וְנִפְלָאוֹת בִּבְחִינַת מַה שֶּׁדָּרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בְּרָכוֹת טו) עַל תֵּבַת שְׁמַע, הַשְׁמֵעַ לְאָזְנֶיךָ מַה שֶּׁאַתָּה מוֹצִיא מִפִּיךָ, הַיְנוּ הַט אָזְנְךָ וְלִבְּךָ וּשְׁמַע הֵיטֵב מַה שֶּׁאַתָּה מוֹצִיא מִפִּיךָ שֶׁהוּא ה' אֱלֹקֵינוּ ה' אֶחָד! **כִּי אַף עַל פִּי שֶׁאָנוּ חֲזָקִים בֶּאֱמוּנָה מִכְּבָר מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת, כִּי יְרֻשָּׁה הִיא לָנוּ מֵאֲבוֹתֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים, אַף עַל פִּי כֵן אֵין זֶה הַדָּבָר יָשָׁן חַס וְשָׁלוֹם, כִּי בֶּאֱמֶת הוּא בְּכָל יוֹם וָיוֹם חָדָשׁ לְגַמְרֵי, כִּי אֵין יוֹם דּוֹמֶה לַחֲבֵרוֹ.**

[כה] עיין עלים לתרופה מכתב מיום ב' אחרי ג' תקפ"ו: **וּלְמַעַן הַשֵּׁם שֶׁלֹּא יִהְיֶה דְּבָרִים הָאֵלּוּ יְשָׁנִים אֶצְלְךָ חַס וְשָׁלוֹם, מֵחֲמַת שֶׁנִּדְמֶה לְךָ שֶׁאַתָּה יוֹדֵעַ אוֹתָם מִכְּבָר, כִּי בֶּאֱמֶת עֲדַיִן לֹא הִתְחַלְתָּ לֵידַע עַד הֵיכָן עַד הֵיכָן מַגִּיעִים דְּבָרִים אֵלֶּה,** וְהָעִקָּר לְקַיְּמָם בִּפְשִׁיטוּת בֶּאֱמֶת וְשֶׁיִּהְיֶה בְּעֵינֶיךָ בְּכָל יוֹם כַּחֲדָשִׁים, וּבִפְרָט שֶׁדְּבָרִים אֵלּוּ הֵם מִתְחַדְּשִׁים לַבְּקָרִים בְּכָל יוֹם מֵחָדָשׁ בִּבְחִינַת (אֵיכָה ג) חֲדָשִׁים לַבְּקָרִים רַבָּה אֱמוּנָתֶךָ.

**רבי געזאגט - 'איך וויים, איך וויים ווער איר זענט' - זענט איר אנטלאפן; איך זאג אייך - 'איך וויים נישט, איך וויים נישט'!" - זענען זיי אויך אנטלאפן.**

- אט דער דיבור איז א ניצליכער דיבור. וואס איז דא דא? עס קען זיין אז רבי נתן האט אויך געוואוסט, נאר רבי נתן האט געזאגט 'איך וויים נישט', אונז צו מודיע זיין אז מיטן נישט וויסן קען מען זיין אזוי ווי מיטן יא וויסן[כו]; נאר וואס דען - אז איך גלויב[כז].

ער האט דאך פריער דערמאנט דעם רבי'ן - "דער רבי האט געזאגט - 'איך וויים, איך וויים, איך וויים ווער איר זענט' - זענט איר אנטלאפן; 'איך זאג - איך וויים נישט'!" - אנטלויפן זיי אויך. קומט אוים, די אמונה וואס מען האט אין דעם צדיק, איז אזוי גרוים, אז די פעולות זאלן זיין אזוי גלייך ווי עס איז דא 'ראיה' - גלייך ווי מען זעהט[כח].

(ר' נחמן: רבי נתן האט נישט אויסגעפירט "וואס וועט זיין אז איר וועט נאך שרייען - וועל איך מער נישט וויסן!"?) ניין, וואו האסטו דאס געהערט - אין "אבניה ברז"ל"? (ר' נחמן: עס איז דא השמטות אין אבניה ברז"ל![כט]) איך האב דעם דיבור אסאך מאל געהערט - אט דאס האט רבי נתן געזאגט.

(ר' נחמן: און דעם אויספיר האט איר נישט געהערט?) **ניין, ניין!**

(השואל: וואספארא פלאץ איז דאס געווען?) **איך וויים נישט.**

---

[כו] עיין שיש"ק (חדש) ח"א, אות רכ"ד: אחרי הסתלקות רבינו היה ראש השנה אחד שהיתה בו התעוררות עצומה, ובליל ראש השנה אחרי תפילת ערבית נענה מוהרנ"ת ואמר: "**איך גלייב אז ראש השנה איז דער רבי דא אין שול מיט אונז; און אז דער רבי איז דא - זענען אלע שבעה רועים דא!**" ונתן מוהרנ"ת קולו וצעק: "**איך גלייב אזוי ממש אז איך זעה!**" - וכשצעק את אלו התיבות האחרונות הרגישו אנ"ש במוחש שבאמת רבינו נמצא עמנו כנ"ל - "**האט מען געזעהן אז דער רבי איז דא!**".

[כז] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ס"ב, אות ה': אֱמוּנָה אֵינוֹ שַׁיָּךְ אֶלָּא בְּדָבָר שֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ טַעַם. וְאַף עַל פִּי כֵן, 'וְגַלְיָא'. הַיְנוּ שֶׁאֵצֶל הַמַּאֲמִין הַדָּבָר גָּלוּי, כְּאִלּוּ רוֹאֶה בְּעֵינָיו אֶת הַדָּבָר שֶׁהוּא מַאֲמִין בּוֹ, מֵחֲמַת גֹּדֶל אֱמוּנָתוֹ הַשְּׁלֵמָה.

[כח] עיין ליקוטי הלכות הל' תפילין ה"ו, אות י"ב: עִקַּר הָרְאִיָּה הוּא כְּשֶׁהוּא בֶּאֱמֶת וּבֶאֱמוּנָה שֶׁאָז נִקְרָא רְאִיָּה, כְּמוֹ שֶׁאָמַר אדמו"ר ז"ל בְּמָקוֹם אַחֵר שֶׁהָאֱמוּנָה בְּחִינַת רְאִיָּה, כִּי כְּשֶׁרוֹאֶה פְּנֵי הַצַּדִּיק וְאֵינוֹ מַאֲמִין אֵין זֶה נִקְרָא רְאִיָּה כְּלָל, כִּי בֶּאֱמֶת אֵינוֹ רוֹאֶה אֶת הַצַּדִּיק כְּלָל מֵאַחַר שֶׁלְּפִי דַּעְתּוֹ אֵינוֹ צַדִּיק, כִּי אֵינוֹ מַאֲמִין בּוֹ. נִמְצָא, שֶׁאֵינוֹ רוֹאֶה אֶת הַצַּדִּיק כְּלָל.

[כט] עיין שם שו"ס ממוהרנ"ת אות ל"ה.

אין אוקריינע איז דא אזוי פיל הינט, אז מען פארט דורך א דארף - פאלן אָן די הינט...

[(מען ברענגט אריין טיי). יענע וואך מיטוואך איז געווען פורים, איז געווען גלעזער וויין. היינט איז שוין דא גלעזער טיי, היינט טאר נישט זיין קיין גלעזער וויין, עס טאר נישט, טרינקען וויין איז נאר איינמאל[ל]].

❖

(ר' נחמן: ווער איז געווען ר' יאסל הויזנער? ער שרייבט[לא] אז דורך אים האט באקומען ר' יצחק די פאסט)
ער איז געווען א גרויסער דורש טוב פאר אונזערע מענטשן, ער איז געווען ביי דעם גראף - ביים פריץ, א גרויסער - -[לב]

❖

## גיב מיר אמונה!

רבי נתן אין די תפילות שרייט ער דארטן - 'געוואלד!' - אין תפילה ק"ט: "תן לי אמונה!" - רבונו של עולם, גיב מיר אמונה, גיב מיר אמונה!

די מתנגדים האבן אמאל געזאגט: 'רבי נתן האט נישט געהאט קיין אמונה - ער בעט דאך, 'גיב מיר אמונה!' - ער האט נישט געהאט קיין אמונה...

דער רבי האט געזאגט[לג]: "ביי די וועלט איז אמונה א דבר קטן". יעדער איינער אז מען פרעגט אים, זאגט ער - איך גלויב. "ביי מיר איז אמונה איינס פון די גרויסע זאכן" (מען דארף אויף דעם בעטן אסאך) די אמונה זאל זיין אמונה.

---

[ל] עיין כוכבי אור - ערך 'ששון ושמחה' אות א': מְאֹד צְרִיכִין לִזָּהֵר לְמַעֵט בִּשְׁתִיַּת מַשְׁקִין הַמְשַׁכְּרִין בְּכָל הָאֶפְשָׁרוּת גַּם בְּשַׁבָּת וְיוֹם טוֹב, [וַאֲפִלּוּ בְּשִׂמְחַת תּוֹרָה וְלֹא כַּטּוֹעִים בָּזֶה] וּמִכָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן בִּימֵי הַחֹל כִּי לֹא עַל שִׂמְחָה כָּזֹאת הִזְהִיר אוֹתָנוּ אַדְמוֹ"ר זַ"ל כִּי עַל זֶה נֶאֱמַר, "וּלְשִׂמְחָה מַה זּוֹ עוֹשָׂה", כִּי אֵין זֶה שִׂמְחָה רַק הוֹלְלוּת וְסִכְלוּת.

[לא] עיין אבניה ברזל שו"ס ממוהרנ"ת אות ס"ד.

[לב] עיין עוד אודותיו שיש"ק (חדש) ח"ב, אות שנ"ט, אות תרס"ו.

[לג] שיחות הר"ן אות ל"ג.

**דער רבי זאגט אין תורה ס"ב[לד]: "ביים דאווענען דארף מען גלויבן אז דער אויבערשטער שטייט לעבן מיר און הערט צו יעדעס ווארט וואס איך דאוון!". מען זאל זיך מיישב זיין - צו האב איך די אמונה?**

**וואס איז טייטש "מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ"[לה]? וואס טייטשט דער ווארט "מלא"? 'מלא' איז דאך דער טייטש - עס איז נישטא קיין איין ארט, קיין איין 'דק מן הדק' וואס דער אויבערשטער זאל דארט נישט זיין! 'מלא' - די גאנצע וועלט איז פול נאר מיטן אויבערשטנ'ס כבוד! "מלא כל הארץ" - פול!**

**די גמרא זאגט טאקע[לו], "המתגאה, כאילו דוחה רגלי השכינה". איז אויך דער פשט, די שכינה קען דאך נישט פארליידן קיין גאוה, איז דאס גלייך ווי ער שטופט אוועק די שכינה - 'איך קען נישט זיין'! - ער קען דאך מיך נישט סובל זיין; אז איך בין פול מיט גאוה בין איך דוחה די 'רגלי השכינה'.**

**קומט דאך אוים, אז "מלא", אז די גאנצע וועלט איז פול מיט דעם אויבערשטנ'ס כבוד, איז ווי קען זיין א מענטש זאל עפעס טראכטן און א מענטש זאל עפעס ווערן אויב דער אויבערשטער איז פול אומעטום?!**

**האבן מיר די אמונה?!**

**האבן מיר די אמונה?!**

**מעג מען שוין שרייען: "רבונו של עולם - גיב מיר אמונה! גיב מיר אמונה - איך זאל גלויבן אז דו ביסט אומעטום פול!".**

---

[לד] אות ב', וזל"ש: אִם הָיָה יוֹדֵעַ הָאָדָם יְדִיעָה בְּלֵב שָׁלֵם, 'שֶׁמְּלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ' (יְשַׁעְיָה ו), וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹמֵד בִּשְׁעַת הַתְּפִלָּה, וְשׁוֹמֵעַ הַתְּפִלָּה. וַדַּאי הָיָה מִתְפַּלֵּל בְּהִתְלַהֲבוּת גָּדוֹל, וְהָיָה מְדַקְדֵּק מְאֹד לְכַוֵּן אֶת דְּבָרָיו. וּבִשְׁבִיל שֶׁהָאָדָם אֵינוֹ יוֹדֵעַ זֹאת יְדִיעָה בְּלֵב שָׁלֵם, בִּשְׁבִיל זֶה אֵינוֹ מִתְלַהֵב כָּל כָּךְ, וְאֵינוֹ מְדַקְדֵּק כָּל כָּךְ. וְכָל אֶחָד לְפִי מִעוּט שִׂכְלוֹ וִידִיעָתוֹ, כֵּן הִתְלַהֲבוּתוֹ וְדִקְדּוּקוֹ.

[לה] ישעי' ו, ג.

[לו] ברכות מג:

# פאל נישט אראפ!

דאס ענין פון ישוב הדעת וואס דער רבי האט געהייסן דאס איז א זאך וואס דער אויבערשטער העלפט אז מען זאל זיך נישט לאזן נארן. ער רעדט זיך אמאל איין אז 'ער האט אמונה', ער רעדט זיך איין - 'ער איז, ער איז'... אבער אז ער וועט זיך מיישב זיין פארן אויבערשטן, וועט ער זעהן, ער וועט זיך נישט לאזן נארן, עס וועט אים זיך נישט דאכטן.

נאר וואס דען, אז ער וועט זעהן אז ער איז ווייט - דארף ער זיך טאקע מחזק זיין און נישט אראפפאלן - דאס איז א באזונדערע זאך; אבער דאס אליין, נישט לאזן זיך נארן, וויסן וואו איך האלט, דאס איז דאך א געוואלד - א מענטש לאזט זיך נארן, ער רעדט זיך איין - 'ער איז'.

דער ווארט פון דעם רבי'ן[לז]: "א מענטש זאל זיך ציען צו די העכסטע מדריגה, און נישט **אראפפאלן** פון די נידריגסטע!" דאס איז דאך א געוואלדיגער בקיאות; א מענטש דארף וועלן גיין פון וואס ער איז - העכער; און אז ער פאלט אראפ - 'פאל נישט אראפ ביי זיך, ציה דיך ווייטער ארויף!'[לח].

א מענטש קען נישט שטיין, דער עיקר איז דאך די מחשבה. עס שטייט אין זוהר הקדוש[לט]: "כולא במחשבה אתבררו" - דער גאנצער בירור ווערט אלץ אין די מחשבה.

ווייל בפועל ממש - וואס איז א חילוק פון אַן איש כשר ביז נישט קיין איש כשר? דער חילוק איז נאר אין די מחשבה[מ]. מען רעדט דאך נישט פון בעלי עבירות, נאר ער

---

[לז] עיין שיש"ק (חדש) ח"ב, אות נ"ו.

[לח] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ו', אות ז'.

[לט] עיין פקודי רנד:

[מ] עיין שיחות הר"ן י"ד; ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' קט"ז.

**איז נישט קיין איש כשר, אבער ער דאוונט - ער דאוונט, ער וואשט זיך צום עסן, ער מאכט א ברכה, ער לייגט קריאת שמע.**

**וואס איז אַן 'איש כשר'? ער האט א אנדערן מח! ביים עסן איז דער מח אנדערש, און ביים שלאפן און ביי אלע זאכן!**

**"כולא במחשבה אתבררו" - די בירור ווערט אלץ אין די מחשבה, און דאס ווייסט נאר דער אויבערשטער אליין, דער 'יודע תעלומות', דער 'בוחן לבות וכליות', נאר ער ווייסט 'היכן נתעלמו המוחין'[מא] - וואו די מוחין זענען נעלם, וואו די מוחין ליגן, נאר דער אויבערשטער ווייסט דאס.**

(ר' נחמן: דער רבי זאגט טאקע[מב] - מען דארף גיין מדרגא לדרגא; וואס הייסט מדרגא לדרגא, ער לייגט די זעלבע תפילין היינט און די זעלבע תפילין מארגן!?) **יא יא, נאר האבן שענערע געדאנקען און שענערע געדאנקען.**

(אחד הנוכחים: אבער אמאל איז די ירידה אַן עליה אויך) **יא, אמאל גיט מען מן השמים א ירידה[מג].**

**אט דאס האט דער רבי געזאגט: "מען דארף זיך ציען צו די העכסטע מדריגה, און נישט אראפפאלן" - - אין דעם ליגט אויך דאס דאזיגע זאך. ווייל אַן עובד ה', מן השמים לאזט מען אים נישט רוהען, וויבאלד ער איז אַן עובד וויל מען טאקע ער זאל זיך רייניגן ביז אינגאנצן דאס פסולת וואס איז געווען פריער אין אים, ווערט נעלם.**

❖

---

[מא] מלשון ליקוטי מוהר"ן תורה כ"א אות ז'.

[מב] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' כ"ב, אות י'; חיי מוהר"ן אות ט"ו.

[מג] עיין ליקוטי מוהר"ן שם, אות י"א.

# אראפנעמען דעם שוים

א מענטש איידער ער ווערט מקורב צום צדיק קען זיין האט ער גארנישט קיין בלבולים, וואס זאל דער בעל דבר האבן מיט אים צו טוהן? אבער אז ער הויבט אָן ווערן מקורב צום צדיק, ער הויבט אָן רעדן צום אויבערשטן דיבורים, וויל מען דאך טאקע אז ער זאל ווערן ריינער, און עס איז פארט דא אין אים פסולת, איז פארט גייט דאס פסולת ארויף, עס גייט ארויף אין מח און אין הארץ, הויבט ער דאך אָן שרייען צום אויבערשטן, אזוי גייט עס ארוים צוביסלעך, און דערנאך גייט עס נאכאמאל ארויף און נאכאמאל, ביז ער ווערט אינגאנצן ריין[מד] - דאס דארף געדויערן[מה].

רבי נתן האט דאך געזאגט טאקע[מו]: "ביז מען ווערט אַן איש כשר צריך להתמהמה הרבה!". אז א מענטש וויל טאקע מיט אַן אמת, דעמאלט וויל מען דאך מן השמים אז ער זאל זיין ריין - און עס איז דאך פארט דא פסולת.

וואסער וואס איז ריין, אז מען שטעלט דאס צו אויפן פייער, גייט ארויף פון אויבן א שוים. אז מען ווערט מקורב צום צדיק, איז עס אזוי ווי מען שטעלט עס צו צום פייער,

---

[מד] עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' קי"ז.

[מה] עיין שיחות הר"ן אות ע"ט: מַה שֶּׁכְּשֶׁאָדָם מַתְחִיל לִכְנֹס בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם וּלְהִתְקָרֵב לְצַדִּיק הָאֱמֶת בָּאִים עָלָיו הִרְהוּרִים וּבִלְבּוּלִים גְּדוֹלִים. **זֶה כְּמוֹ לְמָשָׁל כְּלִי מַיִם שֶׁמִּתְחִלָּה נִרְאֶה כְּאִלּוּ הַמַּיִם צְלוּלִים. וְאַחַר־כָּךְ כְּשֶׁשּׁוֹפְתִין וּמַעֲמִידִין הַמַּיִם אֵצֶל הָאֵשׁ וּמַתְחִיל לְהִתְבַּשֵּׁל, אֲזַי מִתְבַּלְבֵּל הַמַּיִם וּמַעֲלֶה הָרְתִיחָה כָּל הַפְּסֹלֶת שֶׁהָיָה בַּמַּיִם וְעוֹלֶה כָּל הַפְּסֹלֶת לְמַעְלָה.** וְצָרִיךְ שֶׁיַּעֲמֹד אֶחָד לְהָסִיר חֶלְאַת וּפְסֹלֶת הַמַּיִם בְּכָל פַּעַם. וּמִתְּחִלָּה נִדְמֶה כְּאִלּוּ הַמַּיִם צְלוּלִים לְגַמְרֵי וְאַחַר־כָּךְ נִרְאֶה הַפְּסֹלֶת שֶׁבַּמַּיִם הָעוֹלָה בְּכָל פַּעַם לְמַעְלָה וַאֲזַי כְּשֶׁמְּסִירִין בְּכָל פַּעַם חֶלְאַת וּפְסֹלֶת הַמַּיִם אֲזַי אַחַר־כָּךְ נִשְׁאָרִין הַמַּיִם צְלוּלִים וְזַכִּים בֶּאֱמֶת כָּרָאוּי. כְּמוֹ כֵן מַמָּשׁ קֹדֶם שֶׁמַּתְחִיל הָאָדָם לִכְנֹס בַּעֲבוֹדַת ה' אֲזַי הַטּוֹב וְהָרָע מְעֹרָבִין בּוֹ וּמֵחֲמַת שֶׁהֵם מְעֹרָבִים מְאֹד אֵין נִרְאֶה הַפְּסֹלֶת וְהָרַע שֶׁבּוֹ כְּלָל, כִּי הֵם מְעֹרָבִים יַחַד לְגַמְרֵי הָרָע עִם הַטּוֹב. אַךְ אַחַר־כָּךְ כְּשֶׁמַּתְחִיל לִכְנֹס בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם וּמִתְקָרֵב לְצַדִּיק הָאֱמֶת אֲזַי מַתְחִיל לְהִזְדַּכֵּךְ וּלְהִתְבָּרֵר, וַאֲזַי עוֹלָה הַפְּסֹלֶת וְהָרַע בְּכָל פַּעַם לְמַעְלָה כַּמָּשָׁל הַנִּזְכָּר לְעֵיל. וְצָרִיךְ שֶׁיַּעֲמֹד אֶחָד שֶׁיָּסִיר מִמֶּנּוּ חֶלְאָתוֹ וּפְסָלְתּוֹ בְּכָל פַּעַם וַאֲזַי יִשָּׁאֵר אַחַר־כָּךְ זַךְ וְצָלוּל לְגַמְרֵי בֶּאֱמֶת כָּרָאוּי. הָיָה אֶפְשָׁר לְהוֹצִיא הַפְּסֹלֶת וְהָרֶפֶשׁ מִיָּד מֵהָאֲנָשִׁים שֶׁהָיוּ בְּגַשְׁמִיּוּת מִתְּחִלָּה וְנִתְקָרְבוּ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. אַךְ מַה יִּהְיֶה, אִם יִהְיֶה מוֹצִיא הָרֶפֶשׁ יוֹצִיא הָרֶפֶשׁ עִם הַמֹּחַ מֵאַחַר שֶׁמְּעֹרָב הַכֹּל יַחַד. **עַל־כֵּן הַהֶכְרֵחַ לִהְיוֹת מָתוּן עַד שֶׁיִּזְדַּכֵּךְ מְעַט מְעַט.**

[מו] עיין כוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות י"ד.

עס הויבט זיך אָן קאכן, עס הויבט זיך אָן זאכענישן, פון אויבן גייט א שוים, מען דארף אראפנעמען דעם שוים נאכאמאל און נאכאמאל און נאכאמאל.

ביים קאכן ווערט עס טאקע פערטיג, אבער א מענטש - אלע יארן קאכט זיך מיט אים! אפילו דארטן אז ער ווערט שוין העכער, ער האט שוין צובראכן - זאגט דער רבי אין תורה כ"ה[מז] - דארף מען נאכאמאל צוברעכן, עס איז זיך נאכאמאל מתגבר די בלבולים, כאטש פריער האט ער זיי צובראכן, אבער דאס איז געווען נאר ווערליג פריער, איצטער איז דא א נייע התגברות, א נייע זאך, עס איז א מלחמה תמידיות.

[מז] וזל"ש בסוף התורה: וּבָזֶה טוֹעִין הַחֲסִידִים הַרְבֵּה, שֶׁפִּתְאֹם נִדְמֶה לָהֶם שֶׁנָּפְלוּ מֵעֲבוֹדַת ה', וּבֶאֱמֶת אֵין זֶה נְפִילָה כְּלָל, רַק מֵחֲמַת שֶׁצְּרִיכִין לַעֲלוֹת מִמַּדְרֵגָה לְמַדְרֵגָה, וְאָז מִתְעוֹרְרִין וּמִתְגַּבְּרִין מֵחָדָשׁ הַקְּלִפּוֹת, שֶׁהֵם הַתַּאֲווֹת וְהַבִּלְבּוּלִים וְהַדִּמְיוֹנוֹת וְהַמַּחֲשָׁבוֹת וְהַמְּנִיעוֹת כַּנַּ"ל, עַל כֵּן צְרִיכִין לְהִתְגַּבֵּר בְּכָל פַּעַם מֵחָדָשׁ לַחֲזֹר וּלְהַכְנִיעַ וּלְשַׁבֵּר הַקְּלִפּוֹת וְהַמְּנִיעוֹת וְכוּ' שֶׁבְּכָל מַדְרֵגָה וּמַדְרֵגָה מֵחָדָשׁ, אֲבָל בֶּאֱמֶת אֵין זֶה נְפִילָה כְּלָל כַּנַּ"ל.

# על הטוב יזכרו ידידינו היקרים

שנדבו למען הוצאת הקונטרס

**הרב בערל וואגשאהל הי"ו**
וויליאמסבורג
**לרגל הולדת בתו למזל טוב**

**מו"ה עקיבא עהרמאן הי"ו**
מאנסי
**לרגל אירוסי בתו עם החה"ח**
**כמר ראובן סענדר נ"י**
**למזל טוב**

בקשו רחמים מרובים עבור האברך
**אלטר נפתלי**
**בן-ציון בן מינדל**
לרפו"ש

## לזכרון בהיכל ה'

מו"ה **יצחק יעקב** ב"ר **מרדכי הלוי** ע"ה
נלב"ע י"ד ניסן תשפ"ג

מרת **רוחמה שרה** ע"ה בת ר' **יצחק** הי"ו
נלב"ע י"ב שבט תשע"ט

מרת **פיגא רבקה** בת ר' **חיים צבי** ע"ה
נלב"ע ז' מנחם אב תשפ"ב

מו"ה **יעקב** ב"ר **שמואל הכהן** ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א

תהא נשמתם צרורה בצרור החיים